# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר



בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

# אונזער תורה קוואל

## פרשת תולדות



**כיתה ו' (א-ב)**
הר"ר מרדכי מנחם שווארץ הי"ו
הר"ר יואל וויינבערגער הי"ו

בס"ד

# חידו"ת לפרשת תולדות

**ויתן לך האלקים.** יש לפרש דהא "אלקים" משמע "דין", ויתר נראה דהוי ליה למימר "ויתן לך ה'", דהוא משמע רחמים.

ונראה על פי דרך רבינו הקדוש הרבי ר' בער ממעזריטש זצוק"ל, לפרש הפסוק (תהלים לו, יא) "משוך חסדך ליודעך קל קנא ונוקם", על פי משל למי שהיה אהוב וחביב בעיני המלך, ואחר כך הרים יד במלך ובכבודו, ונגמר דינו ליסרו ולהכותו, ויען המלך כי נכמרו רחמיו על אהובו, מה בצע כי נהרגהו או נכהו, אם כן תהיה יראה הכרחית, מכח יסורי עונש ולא בזה בחרתי, לכן אמר המלך לגדלו ולרוממו, להושיב את כסאו מעל השרים, ובזה עצמו יבוש ויכלם, ויאמר בלבו מה עשיתי נגד מלך מוחל וסולח, וזה שאמר "משוך חסדך ליודעך קל קנא ונוקם".

וזה שאמר ויתן לך ה"אלקים" דמשמע "דין", היינו רק על דרך זה ענש יענש, במה שהקדוש ברוך הוא ישפיע לו מטובו ולגדלו ולרוממו, ועל ידי זה יתן בלבו להכניע את עצמו לפני מלך מלכי המלכים, ויחשב לפניו כעונש הבא ממדת אלקים.

(עצי חיים)

**ויאמר הקול קול יעקב והידים ידי עשו, ולא הכירו כי היו ידיו כידי עשו ויברכהו.** ולכאורה אם לא היה הקול, קולו של עשו, א"כ למה בירך את יעקב, והלא חשד שזהו יעקב.

ויש לומר כי עשו אמר לאביו סימן קודם שהלך ממנו, כדי שיעקב לא ירמה אותו, שהוא ישנה את קולו כקולו של יעקב, וידבר כמוהו בנחת, ובהזכרת שם שמים. כי עשו חשב שבוודאי אם יבוא יעקב לקחת את הברכות, בוודאי ישנה את קולו לקולו של עשו, אך רבקה אמנו ידעה זאת ברוח הקודש, ואמרה ליעקב שידבר ויתנהג כהרגלו, ולזה כשראה יצחק שהקול קול יעקב, והידים ידי עשו לכן בירך את יעקב.

(בית הלוי)

**ויעקב איש תם יושב אוהלים.**

בליל התקדש החג שמעתי ממרן דודי זללה"ה לפרש המאמר בהגדה של פסח, כנגד ארבעה בנים וכו' אחד חכם ואחד רשע, ותמוה אמאי לא אמר אחד צדיק שזהו ההיפוך של רשע, וביאר דכדי להתגבר על הרשע אינו מספיק שיהיה צדיק כי הרשעים חכמים המה להרע, וצריך חכמה יתירה להנצל מידיהם, ולזה כשמזכיר את הצדיק נגד הרשע קוראו בשם "חכם", כי רק בחכמה יוכל להנצל, עכ"ד.

אך לכאורה יקשה על יעקב אבינו ע"ה שהיה עם עשו הרשע ונקרא איש "תם", אמנם יש לתרץ על פי מה דאיתא בדברי יחזקאל דאיש נקרא מי שמושל על הדבר, כמו איש מלחמה, וכן יעקב היה נקרא "איש" תם, שהיה מושל על התמימות להשתמש בו בעתו ובזמנו, כי כשהיה צריך לרמאות את עשו ולבן, השתמש בחכמתו ותפש הברכות, עכ"ד.

ובזה ניחא על מה שעשו היה עם יעקב ובכל זאת קראו הכתוב ויעקב איש תם.

(ברך משה)

## ויתרוצצו הבנים בקרבה

**וברש"י כשהיתה עוברת על פתחי עבודה זרה, עשו מפרכס לצאת, וליד בית מדרשו של שם, היה יעקב מפרכס לצאת, ולכאורה קשה בשלמא את עשו אפשר להבין שהתרוצץ וביקש לצאת כדי לעבוד עבודה זרה, כי במעי אמו לימדו מלאך תורה ואז זה לא היה יכול לסבול, אבל את יעקב שלמד שם תורה מפי מלאך אי אפשר להבין, לשם מה רצה לצאת, מה ראה להתרוצץ? ותירץ הרה"ק מהרי"ד מבעלזא ז"ל שמכאן ראיה שיש לוותר על לימוד תורה אפילו מפי מלאך, כדי להתרחק משכן כמו עשו.**

בס"ד

# עק"ב אשר שמע אברהם בקולי

די גמרא (נדרים לב.) דרש'נט פון די פסוק עק"ב אשר שמע אברהם בקולי – אז די ווארט עקב באטרעפט 172, און אברהם האט דאך געלעבט 175, איז א סימן אז ביי די דריי יאהר האט ער דערקענט אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט.

*

אין די צייטן פונעם הייליגן גר"א (וואס ווערט אנגערופן דער ווילנער גאון) איז פארגעקומען די באקאנטע מעשה מיט'ן גראף פאטאצקי וואס האט זיך מוסר נפש געווען על קידוש השם, טראץ וואס ער איז געווען א בן יחיד און א באליבט קינד ביי זיינע גוי'אישע פריצישע עלטערן, דאך אזוי איז ער אנטלאפן און זיך מגייר געווען און געווארן א גר צדק.

דער גר צדק האט זיך 3 גאנצע יאר באהאלטן פון זיינע גוי'אישע עלטערן, ביז זיי האבן איהם געכאפט, און געגעבן א ברירה זיך צו ראטעווען – נאר מיט די עצה פון זיך שמד'ן רח"ל, און צוריק קערן צו זיין אלטע נארישע גלויבן. זייענדיג פון א גאר חשוב'ע משפחה האבן אלע ארומיגע געוואלט צו זעהן ווי אזוי עס וועט זיך אויסלאזן, צום סוף האט ער אין דעם גרויסן טאג יו"ט שבועות מקדש געווען שם שמים ברבים, מיט א געוואלדיגע מסירות נפש זיך געלאזט פארברענען לעבעדיגערהייט, הי"ד.

דער ווילנער גאון, ברוב צדקתו וקדושתו, האט זיך אנגערופן אז די כח הקדושה האט אפגעשוואכט די כח פון די טומאה רח"ל. ביז אזוי ווייט אז די רוח הטומאה – וואס עס איז דא יעדן צופרי אויף די הענט, ווען מען שטייט אויף – האט שוין נישט די שטארקע כח און קראפט, ווי פאר די פאסירונג.

דער גאון האט צוגעלייגט, דער גר צדק האט געהאט די שורש נשמה פון אברהם אבינו, און ער האט משלים געווען די 3 יאהר פון אברהם אבינו, וואס נאר דעמאלטס האט ער אנערקענט דעם באשעפער.

בס"ד

# יארצייט פון צדיקים

## ל' חשון

## הגה"ק רבי **צבי הירש הכהן מרימאנוב** זצ"ל

**די יארצייט איז אי"ה דעם קומענדיגן זונטאג דעם ערשטן טאג ר"ח כסלו**

**דער** רבי ר' הערש זי"ע האט געשטאמט פון פשוט'ע עלטערן, פון זיין יונגן עלטער איז ער געווארן משב"ק ביי הרה"ק רבי ר' מנחם מענדל זי"ע פון רימאנוב, און ער איז דארט אויסגעשטיגן זייער הויך אין די מדריגות, אזוי ווייט אז נאך די פטירה פון זיין הייליגן רבי'ן האבן אלע גרויסע תלמידים פון רבי'ן ר' מענדעלע זי"ע, געזעהן אין אים דער ממלא ממקום פון רבי'ן ר' מענדעלע.

עס ווערט דערציילט אז אין די שפעטערע יארן האט ער זיך משדך געווען מיטן הייליגן ריזשינ'ער, און ביים שידוך שליסן האט דער ריזשינער זיך אנגערופן: ביי אונז איז דער סדר צו אויסרעכענען דעם יחוס, און ער האט טאקע אויסגערעכנט די סדר פון זיין יחוס צו די פריערדיגע צדיקים און קדושים זייענדיג א אייניקל בן אחר בן פונעם הייליגן מעזריטשער מגיד זי"ע און נאך, נאכדעם האט ער זיך אויסגעדרייט צום רבי'ן ר' הערש און געזאגט, מחותן, זאגט איר אויך אייער יחוס, האט דער רבי ר' הערש געענטפערט: "מיינע עלטערן זענען געווען פשוט'ע ערליכע פרומע אידן, ווען איך בין אלט געווען צען יאר האבן מיך מיינע עלטערן געשיקט צו א שניידער, איך האב זיך ביי אים אויסגעלערנט די פאך פון שניידעריי, דער עיקר וואס איך האב זיך ביי אים געלערנט איז געווען "צו פארערכטן דאס אלטע און נישט קאליע מאכן די נייע"

דער רבי ר' הערש האט מיט די ווערטער מרמז געווען אז דער עיקר עבודה פון א איד איז צו פאררעכטן די עבירות וואס מ'האט געטון, און מ'דארף כסדר אכטונג געבן אז מ'זאל נישט ווייטער קאליע מאכן און פארלירן די גוטע זאכן וואס מען האט שוין איינגעקויפט".

ווען דער הייליגער ריזשינער האט דאס געהערט האט ער געזאגט: "גענוג, מחותן, איך דארף נישט מער, ס'איז גענוג".

*

דער הייליגער ייטב לב איז געווען א תלמיד פון רבי ר' הערש פון רימאנוב, זייער אסאך ניגונים וואס מ'זינגט ביי אונז איז גענומען פון רבי'ן ר' הערש, ווי צב"ש: די ניגון פון "בבואו מאדום", דער פיוט וואס מ'זינגט ביי תפילת "גשם", און אויך דער "אהבה רבה" ניגון וואס מ'זינגט יו"ט שבועות, און נאך.

ס'איז ידוע וואס מ'דערציילט אז רבי ר' הערש איז געגאנגען נאך געלט ביי די חתונה פונעם ייטב לב, און ער איז נישט געווען צופרידן וויפיל מ'האט אים געגעבן, ווען מ'האט געפרעגט דעם ישמח משה וויפיל מ'זאל אים געבן האט ער געזאגט "ער איז א אש להבה, מ'זאל אים געבן וויפיל ער בעט". האט ער אנגעוואונטשן אז "פון דעם זיווג זאלן ארויסקומען דורות וואס וועלן באלייכטן די וועלט ביז משיח'ס טאג".

בס"ד

# שני גוים, אלו אנטונינוס ורבי

**די וואך שטייט ווען רבקה איז געגאנגען פארשטן פאר ווען יעקב מיט עשו זענען געבוירן געווארן, האט דער אייבישטער געזאגט "שני גוים" און רש"י זאגט "גיים כתיב" גיים מיינט א לשון פון גרוים, דאס מיינט צוויי גרויסע מענטשן גייען ארויסקומען פון איהר, אלו אנטונינוס ורבי שלא פסקו מעל שולחנם לא צנון ולא חזרת לא בימות החמה ולא בימות הגשמים, ווייל זיי האבן ביידע געהאט אסאך געלט האבן זיי געקענט עסן סיי זומער און סיי ווינטער צנון מיט חזרת וואס איז געווען א טייערע זאך.**

**מיר וועלן אביסל אראפ ברענגען פון חז"ל איבער אט די צוויי גרויסע מענטשן, פון איין זייט רבי, דער מסדר המשניות וואס איז געווען דער רבי פון כלל ישראל, און פון די צווייטע זייט אנטונינוס וואס איז געווען א גרויסער שר און איז געווען אין א גוטע פארבינדונג מיט רבי און מיט די אידן:**

## רבינו הקדוש

תוס' (אין מסכת עבודה זרה י:) ברענגט אראפ אז רבי – רבינו הקדוש – איז געבוירן געווארן אין א צייט וואס האט געהערשט א שווערע גזירה אויף די אידן, אז מען טאר נישט מאכן קיין ברית מילה, פארשטייט זיך אז רבי'ס טאטע האט זיך מוסר נפש געווען ווי אלע אידן, און יא געמאכט א ברית פאר זיין אינגל, דער קיסר האט זיך דערוואוסט פון דעם, און האט אים געלאזט רופן און ברענגען צו אים, אינמיטן וועג האבן זיי זיך אפגעשטעלט ביי א גוי'אישע אכסניא. די פרוי פונעם גאסט הויז האט רחמנות געהאט אויפן קינד מיט די עלטערן, האט זי זיך אנגעטראגן אז זי האט געבוירן א קינד אינעם זעלבן טאג. און זי איז גרייט צו טוישן די קינדער ביז זיי וועלן גיין צום קייסער און צוריק קומען.

די מאמע האט מיט פיל דאנק ווערטער גענומען דעם גוי'אישן "אנטונינוס", און געגאנגען צום קייסער, דער קייסער האט בודק געווען די מעשה, און גלייך געזעהן אז דאס איז פונקט ווי א גוי. האט מען זיי באפרייט לחיים ולשלום. און די גזירה איז בטל געווארן. נאך די גרויסע קידוש השם וואס מען האט געמאכט מיט רבי די ברית קודש, האבן אים אלע גערופן "רבינו הקדוש" (אזוי שטייט אין ירושלמי, אויך אין ספר יוחסין). די נאנטשאפט צווישן רבי און אנטונינוס איז געבליבן לאורך כל ימי חייהם, ווי מיר וועלן שרייבן ווייטער באריכות.

## אנטונינוס

אין סדר הדורות ווערט געברענגט אז אינעם זעלבן טאג וואס מען האט ארויס געפירט דעם הייליגן תנא רבי עקיבא [דער לעצטער פון די עשרה הרוגי מלכות] צום הרג'ענען מיט א שרעקליכע טויט רח"ל, דעם זעלבן טאג איז געבוירן געווארן רבי מיט אנטונינוס. ווען אנטונינוס איז עלטער געווארן האט מען אים גערופן (ווי עס שטייט אין סדר יוחסין) "אנטונינוס

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק


בס"ד

פיאוס" דאס מיינט – אנטונינוס חסיד, אין יענע צייט האבן געהערשט די רוימישע קעניגרייך, וואס זיי האבן זייער אונטערגעדרוקט די אידן, מיט אלע אופנים, עס האט געהערשט א שנאה אויף אידן אפילו ווען עס האט געקעניגט אנטונינוס, וואס איז געווען בידידות מיט רבינו הקדוש, דאך איז די פיינטשאפט נישט וויניגער געווארן ביים פאלק, אז אפילו דער קייסער האט מורא געהאט פון זיי. וועגן דעם האט ער אוועק געשטעלט שומרים מיט פאליציי זיך אננעמען און שווער באשטראפן די וואס טשעפענען מיט רבינו הקדוש (רש"י ברכות טז:).

## בהיכלא דרבי

אין מסכת עבודה זרה דף י: פארציילט די גמרא, אז אנטונינוס האט זיך געבויעט א הייל, וואס האט זיך געצויגן ביז די שטוב פון רבי, און אזוי פלעגט ער גיין לערנען תורה מיט רבי יעדן טאג, אנטונינוס האט מיטגענומען מיט זיך צוויי קנעכט יעדן מאל ווען ער איז אריין אין הייל, איין קנעכט האט ער געהרג'ט ביים טיר פון פאלאץ, און דעם צווייטן קנעכט האט ער געהרג'ט ווען ער איז אנגעקומען צו די שטוב פון רבי. און ער האט אנגעזאגט פאר רבי אז קיינער זאל נישט זיין אין צימער ווען ער קומט איהם באזוכן, אזוי האט קיינער נישט געוואוסט פון די מעשה.

איינמאל האט אנטונינוס זיך געמאכט זיין וועג צו רבי'ס שטוב ווי געווענליך, ווען ער איז אנגעקומען, זעט ער ווי רבי זיצט מיט זיין תלמיד רבי חנינא בר חמא, פרעגט ער פאר רבי, מיר האבן דאך אפגערעדט אז קיינער וועט נישט זיין דא? האט רבי געענטפערט, ער איז נישט קיין מענטש! און רבי האט געזאגט פאר זיין תלמיד, גיי רוף מיר, די קנעכט וואס "שלאפט" נעבן טיר, ווען רבי חנינא בר חמא איז געגאנגען האט ער געטראפן טויט דעם קנעכט, טראכט ער צו זיך, וואס זאל איך דא טוהן? נישט ענטפערן אז ער איז טויט, דאס טאר איך נישט, ווייל עס איז נישט קיין כבוד המלכות. און זאגן דעם אמת, וויל איך אויך נישט ארויס זאגן א שלעכטע בשורה?



דער בנין העכער די ציון פון רבי אין ציפורי

האט זיך ר' חנינא אוועק געשטעלט דאווענען, און ער האט איהם "מחיה מתים" געווען, אזוי האט ער איהם אריינגעשיקט צו רבי לעבעדיגערהייט. האט זיך אנטונינוס אנגערופן, איך ווייס אז דיין קלענסטער תלמיד קען מחיה מתים זיין, מיט דעם אלעם וויל איך נישט אז מען זאל זיך דא דרייען ווען מיר זענען צוזאמען.

## שימוש תלמידי חכמים

זיי פלעגן עסן יעדן טאג צוזאמען, ביי די סעודה האט אנטונינוס באדינט פאר רבי , מיטן דערלאנגען די עסן און טרינקען. איינמאל האט אנטונינוס אויך געוואלט באדינען רבי צו העלפן ארויפגיין אויף זיין בעט, האט זיך אנטונינוס אראפ געבויגן אויף די ערד, און געזאגט, רבי, ביטע גיי ארויף אויף מיין רוקן, און גיי ארויף אויפן בעט (וואס איז געווען הויעך), האט זיך רבי אנטקעגן געשטעלט און געזאגט, ניין! דאס איז נישט קיין דרך ארץ, צו מזלזל זיין אין כבוד פון מלך אזוי

בס"ד

שטארק. האט אנטונינוס געזאגט, רבי, הלוואי זאל איך זוכה זיין, צו זיין פאר דיר ווי א בעט אין עולם הבא.

## עצת רבי

איך פארציילט דארט די גמרא אז בסוף ימיו פון אנטונינוס, האט זיך אנטונינוס אנגערופן צו רבי: "איך וויל אז מיין אסווירוס זאל זיין קעניג נאך מיין שטארבן, איך וויל איך אז די שטאט טבריה זאל אויף אייביג פריי פון דארפן צאלן שטייערן (ווייל דארטן האבן געוואוינט אלע צדיקים פון יענע דור, און ער האט געוואלט אז זיי זאלן קענען לעבן רואיג), אבער די הערשער פון רוים וועלן נאר מסכים זיין מיר נאכגעבן איין זאך, איז וואס זאל איך בעטן, אז זיי זאלן מיר מסכים זיין צו אלעביידע זאכן".

רבי האט מורא געהאט צו ענטפערן, האט ער גענומען א מענטש, און ארויפגעזעצט אויף איהם נאך א מענטש מיט א טויבעלע און האנט, און רבי האט געהייסן דעם פון אונטן אז ער זאל הייסן פאר דעם פון אויבן ער זאל לאזן אוועק פליען די טויבעלע. האט פון דעם אנטונינוס פארשטאנען די ענטפער, אז ער זאל בעטן אז מען זאל מאכן זיין זוהן א קעניג, וועט ער פטר'ן די אנשי טבריה פון שטייערן.

האט זיך אנטונינוס ווייטער באקלאגט, אז די חשובע מענטשן פון רוים טשעפען מיט מיר, האט איהם רבי גענומען צו א גארטן, און יעדן טאג האט רבי ארויס געריסן איין רעטיך פונעם גארטן, האט ער פארשטאנען די רמז, אז ער זאל זיי נישט אויס הרג'ענען און איין טאג, נאר יעדן טאג איינעם, ביז ער וועט אויסהרג'ענען אלע זיינע שטערערס.

## שנים שעשאוהו פטורים?!

אונטונינוס פלעגט זיך אסאך דורך שמועסן מיט רבי יהודה הנשיא אין אלע ענינים, האט ער איינמאל געפרעגט פאר רבי, דער גוף מיט די נשמה קענען זיך זייער גוט ארויס דרייען פון די משפט ביים בית דין של מעלה. וויאזוי? די גוף זאגט, אז די נשמה זי האט געזינדיגט, ווייל פון ווען ער האט מיך איבער געלאזט (דאס מיינט דער מענטש איז נפטר געווארן) ליג איך דער גוף ווי א שטיין!

און די נשמה קען זאגן, נישט איך האב געזינדיגט, ווייל מען זעהט דאך אז פון ווען איך האב אפגעלאזט דעם גוף בין איך פריי צום באשעפער!

האט רבי געענטפערט מיט א משל: א קעניג האט געהאט א שיינע גארטן מיט פרישע געצייטיגטע פייגן, און ער האט אוועק געשטעלט צוויי שומרים אפהיטן דאס גארטן, איין שומר אן א פוס, און דער צווייטער שומר איז געוועזן בלינד ל"ע, זאגט דער אן א פוס פארן בלינדער: איך זעה זייער פרישע פייגן, קום הייב מיר אויף אויפן אקסל, און איך וועל דיר זאגן ווי צוגיין, אזוי וועלן מיר האבן פיינע פירות, אזוי האבן זיי געטוהן. ווען דער קעניג האט געזעהן אז עס פעלן זייער אסאך פירות, האט ער זיי געפרעגט ווי זענען די שיינע פירות?

האט זיך דער בלינדער אנגערופן: האב איך דען געקענט זעהן ווי עס איז דא פירות? זיכער אז נישט איך האב עס גענומען!

נאכדעם האט דער אן די פוס צוגעלייגט: איך בין דאך אן א פוס, ווי אזוי קען זיין אז איך האב עס געקענט עסן? זיכער אז נישט איך האב זיי גענומען!

האט דער קעניג צוזאם געשטעלט דער אן די פוס זאל אויפהייבן דעם בלינדן איוף זיין אקסל, און ער האט זיי צוזאמען געשטראפט. די נמשל איז אליין פארשטענדליך!

(סנהדרין צא.)

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

בס"ד

# קעסטל רעטעניש

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ה | ו | ו | ה | ד | ש | ה | ח | י | ר | כ | ו | ר | ב | כ | י | כ | ר | ב | מ | ו |
| ק | כ | נ | מ | ה | ר | כ | י | ח | א | ל | ר | י | ב | ג | ה | ו | ה | ט | י | י |
| ל | מ | ז | ג | ש | נ | י | י | ג | ד | י | י | ע | ז | י | מ | ב | ל | ש | י | ע |
| ק | א | י | ר | ב | מ | א | ה | ת | י | א | ל | ר | ב | ק | ה | ה | ת | ש | ו | ת |
| ו | י | ד | ר | ע | ת | נ | ב | ת | ו | א | ל | ח | ז | ר | ש | ח | ע | ע | נ | ר |
| ל | נ | ע | ה | ה | ש | ע | י | כ | כ | ש | נ | כ | מ | מ | ו | ע | ב | ר | א | כ |
| י | ב | ד | ו | ת | כ | ש | ת | ה | ר | ב | י | ב | י | ו | ט | ד | ה | י | צ | מ |
| ע | ו | ש | ש | מ | ש | ו | י | י | א | ה | י | מ | ל | מ | ה | ע | ו | מ | ה | י |
| ק | מ | י | נ | ת | ל | מ | ת | א | ר | ר | י | כ | א | ר | ו | ר | מ | ת | נ | מ |
| ב | ק | מ | י | ד | ל | ו | י | י | י | מ | צ | ע | ב | ז | ר | ה | ת | י | ק | ע |
| ו | נ | ע | ת | כ | נ | ש | נ | ש | ח | ש | י | ה | ק | א | א | נ | ו | ת | מ | כ |
| ל | ה | כ | ל | ג | ת | ה | ו | ש | ב | א | ח | ת | ר | ב | ר | ט | ר | צ | ת | ו |
| ק | ב | ה | ד | מ | א | ל | מ | ד | נ | ו | ה | ל | ש | ת | ב | ש | א | ר | כ | ד |
| ש | ק | ב | ו | ב | ז | ר | ד | ה | י | י | צ | ח | ק | ל | ע | כ | ב | כ | ל | ב |
| י | ר | ח | ב | ו | ת | ל | א | מ | י | מ | ג | ו | י | י | פ | ה | א | ע | ר | ע |
| ו | א | ב | י | מ | ל | כ | צ | ו | ש | ע | י | ד | י | מ | י | ד | י | ה | ו | י |

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

בס"ד

- תולדת
- יצחק
- ויעתר
- רבקה
- יעקב
- עשו
- אבימלך
- פלשתים
- גררה
- בתואל
- לבן
- אדמוני
- איש שדה
- איש תם
- בכרה
- לחם

- ונזיד עדשים
- מקנה צאן
- ומקנה בקר
- ועבדה רבה
- בארות
- עשק
- שטנה
- רחבות
- שבעה
- באר שבע
- משתה
- מטעמים
- שניי גדיי עזים
- איש שער
- איש חלק
- מאה

- שערים
- הקל קול יעקב
- והידים ידי עשו
- וישק לו
- מטל השמים
- ומשמני הארץ
- ורב דגן ותירש
- יעבדוך עמים
- וישתחוו לך
- לאמים
- הוה גביר לאחיך
- בני אמך
- אורריך ארור
- ומברכיך ברוך
- ריח בני
- כריח השדה

וועסטו טרעפן א פסוק פון די וואך וואס דער אייבישטער האט גערעדט צו יצחק אבינו

| | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | | | | | | | | |

| | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | | | | | | | | | | | |

| | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | | | | | | | | | |

| | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | | | | | | | | | |

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | | | | | |

בס"ד